גליון מ
פרשת ראה - מברכין אלול תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### עבודה זרה נקראת 'חרם'

### בל תוסיף ועבודה זרה

די וואך שטייט אין די פרשה (דברים כב כט) די איסור פון 'בל תוסיף', ווי די פסוק זאגט 'לא תוסיף עליו ולא תגרע ממנו', אויך אין פרשת ואתחנן (דברים פרק ד ב) שטייט די איסור, ווי די פסוק זאגט 'לא תוסיפו על הדבר ולא תגרעו'. די גר"א (אדרת אליהו דברים יג א) איז מבאר אז אין פרשת 'ואתחנן' איז די אזהרה נישט מוסיף צו זיין א גאנצע נייע מצוה, און אין פרשת ראה איז די אזהרה נישט מוסיף צו זיין פרטים אין די מצוות זעלבסט, ווי פינעף בתים אין די תפילין, פינעף ציציות וכדומה (ווי מ'זעהט אז די ספרי דרש'נט די פינעף בתים פון די פסוקים אין פרשת ראה פ"ב. מובא ברש"י ואתחנן שם).

אלע מפרשים שטעלן זיך וואס איז די קשר פון 'בל תוסיף' צו עבודה זרה, און פארוואס שטייט עס איןביידע פלעצער לעבן די איסור פון עבודה זרה, וואס האט 'בל תוסיף מיט 'עבודה זרה' צו טוהן. (עי' כלי יקר ד ב, אלשיך שם, אדרת אליהו שם, הכתב והקבלה שם, העמק דבר מהנצי"ב שם ועוד).

די מפרשים זאגען פשט, אז דורכען עובר זיין אויף 'בל תוסיף', קען מען אנקומען ביז עבודה זרה, כאטש 'בל תוסיף' קוקט אויס ווי א קליינע עבירה, ער לייגט צו א קלייניגקייט, ער נעמט אראפ א קלייניגקייט, אבער דורעך דעם וועט מען צו קומען ביז ביז 'עבודה זרה'. ווייל ווען א מענטש היט די געזעצען פון די תורה מיט א פונקטליכקייט, ער פאלגט אלעס פונקטליך אזוי ווי די תורה האט געזאגט, דאן זענען די מצוות דעם אייבירשטן'ס מצוות, אבער אויב ער איז מוסיף וגורע, דאן זענען די מצוות זיינע אייגענע מצוות, ס'האט גארנישט מיט'ן אייבירשטן, ממילא וועט ער אויך צוקומען ביז עבודה זרה.

ווען איינער דינט 'עבודה זרה', ווערט עס פארערכנט ווי ער איז עובר אויף די גאנצע תורה, ווייל די תורה וואס ער איז מקיים, איז נישט דעם אייבירשטן'ס תורה, ס'איז כאילו דעם עבודה זרה'ס תורה. אזוי אויך ווען איינער איז מוסיף

**ווען איינער דינט 'עבודה זרה', ווערט עס פארערכנט ווי ער איז עובר אויף די גאנצע תורה, ווייל די תורה וואס ער איז מקיים, איז נישט דעם אייבירשטן'ס תורה, ס'איז כאילו דעם עבודה זרה'ס תורה. אזוי אויך ווען איינער איז מוסיף אדער גורע פון די מצוות התורה, איז דאס זיין אייגענע תורה**

אדער גורע פון די מצוות התורה, איז דאס זיין אייגענע תורה, ער קען טוהן די מצוות מיט א מורא'דיגע ברען, אבער ס'האט גארנישט מיטן אייבירשטן, ס'איז בכלל נישט גערעכנט ווי א מצוה. ווי ס'איז מבואר (ברכת אברהם סוכה ליקוטים) אז אויב מ'איז מוסיף אדער גורע, ווערט די מצוה אויס, ס'האט גארנישט מיט די מצוות התורה, ס'איז דיין אייגענע מצוה.

די תורה הקדושה געט אונז פונקטליכע חוקים און משפטים, די תורה הקדושה איז נישט קיין 'הרגשים', די תורה רידט זיך נישט, אויב איז מען מקיים די מצוות מיט א פונקטליכקייט, איז מען ביים אייבירשטן'ס תורה, אבער טאמער רידט מען א משהו, איז דאס שוין דיין אייגענע זאך.

און דאס איז די לשון פון די הייליגע ספר החינוך (מצוה קד) "ולא נגרע במצוות התורה כי התוספת והגירוע במכוין בשלימות, קלקול, וכל מצוותיו ברוך הוא שלימות ותמימות". דאס הייסט אז די טבע פון 'שלמות', אז ס'איז נישט דא ביי דעם קיינע שינויים, און די תורה הקדושה איז דאך שלם, ממילא פאסט נישט ביי דעם קיין 'תוספות' אדער 'מגרעת'.

און ווי ס'איז באקאנט די סוגיא (עי' במהר"ל תפארת ישראל פ"ז) פון די מדרש 'וכי מה איכפת להקב"ה בין שוחט מן הצוואר, לשוחט מן העורף'. אז אלע מצוות האבן טעמים, אבער אז מ'גייט ארויף העכער איז אלעס חוקים, אויך די משפטים ווערן 'חוקים', אלעס איז א 'גזירת מלך' מיט א מורא'דיגע פונקטליכקייט.

### איך האב נישט קיין כח

ווען א יוד איז שוואך, ער איז ל"ע נישט מקיים די מצוות התורה בשלמות, כאטש ס'איז א עבירה, איז עס אבער בעסער ווי איינער וואס קומט טוישן עפעס אין די עצם התורה. אויב איז ער נישט מקיים עפעס 'מכח' שוואכקייט, שלאגט ער זיך נישט מיט די עצם התורה, ער איז פשוט שוואך, ער האט נישט די כוחות פאר דעם, אבער אויב ער קומט ח"ו טוישן, ער איז מוסיף אדער גורע, דאן איז די גאנצע תורה אויס, ער קומט מאכן זיינע אייגענע חוקים ומשפטים, זיין אייגענע תורה, ממילא אזא מענטש איז ער גאר נאנט צו 'עבודה זרה'. (ויש להאריך במה דפליגי בגמ' אים 'בל תוסיף' היא דוקא בכונה או אפילו שלא בכונה).

משל למה הדבר דומה, מ'זעהט אין עבודת ה', ס'איז דא אמאל וואס א יוד וויל נישט עפעס טוהן אין עניני עבודת ה', איז דא אין דעם צוויי סארטן, ס'איז דא וואס זאגען אז זיי האבן נישט קיין

המשך בעמוד הבא

כח, און ס'איז דא וואס קומען טוישן אין די עבודה אריין, די עבודה איז נישט ריכטיג אהער אדער אהין. איז דער ערשטער האט נישט גארנישט אריינגערעדט אין די עבודת ה' אריין, ער האט נאר געזאגט אז ער זעלבסט האט נישט קיין כח, לפי זיין מצב יעצט איז דער עבודה נישט צוגעפאסט פאר אים, לפי זיין זמן און זיין מקום וכדומה. דער צווייטער אבער איז שוין אנדערשט, ער קומט עפעס טוישן, ער וויל עפעס טוישן אין די עצם עבודה.

איז די זעלבע זאך איז אין תורה הקדושה, אז איינער זאגט אז ער וויל נישט ל"ע מקיים זיין א מצוה, איז דאס זייער נישט גוט, אבער ס'וועט נישט ווערן פאררעכנט ווי עבודה זרה, אבער טאמער קומט ער טוישן אין די תורה זעלבסט, דאס איז שוין גאר א הארבע זאך. אויף דעם דארף מען שוין שטארק טראכטן צו ס'איז נישט אין כלל פון 'בל תוסיף' אדער 'בל תגרע' ח"ו, וואס דאס ווערט שוין גערעכנט ווי 'עבודה זרה'.

און דאס איז א כלל אין יעדער זאך, ס'איז ענדערשט צו זאגען אז מ'האט נישט קיין כח (וואס דאס איז די אמת אין רוב פעלער), אסאך ענדערשער ווי אוועק צו מאכן. למשל ווען ס'קומט צו עניני מנהג וכדומה, אויב איז שווער צו מקיים זיין, איז ענדערשט צו זאגען אז ס'איז שווער, ענדערשט ווי ח"ו אוועק מאכן די עצם מנהג. אז די האסט נישט קיין כח, איז דאס דיין שוואכקייט, אבער אז די מאכסט אוועק קומסטו טוישן די עצם מנהג, כאילו די ביסט דער שטארקער און די קומסט שוואך מאכן ח"ו א מנהג.

## ◆ כל המוסיף גורע

די חז"ל זאגען "כל המוסיף גורע" (סנהדרין כט ע"א), אז די לייגסט צו איז דאס די זעלבע ווי די נעמסט אראפ, ביסט די זעלבע נישט ביי די תורה, די ביסט ביי דיינע אייגענע זאכן. משל למה הדבר דומה צו א מלמד אין קלאס וואס שטעלט אוועק 'דיספילין', ער זאגט פונקטליך וואס איז מותר און וואס איז אסור, דארף זיין ביי אים די זעלבע הארב אויב א קינד לייגט צו עפעס, צו ווען ער נעמט אראפ עפעס, ווייל די נקודה איז ארויס צו ברענגען די שליטה פונעם מלמד, און אויב דער קינד איז משנה, נישט קיין חילוק אויף וועלכע וועג, איז דאס שוין נישט דער מלמד'ס שליטה.

און דאס איז די נסיונות אין אלע דורות, צו זיין מורא'דיג אפגעהיטן נישט אראפ צו נעמען, און אויך נישט צו צו לייגען, צו זיין נזהר פון די משכילים ודומיהן וואס זוכן ח"ו צו שניידן פון די תורה, און סיי זיך אפצוהיטן פון די וואס לייגען צו ח"ו. אלעס וואס די חז"ל האבן צו געלייגט, דאס איז קלאר נאר בתורת 'גדר וסייג', נישט ח"ו צו צו לייגען אין די תורה זעלבסט, און אזוי אויך אלע מנהגים איז דאס נאר בתור מנהג. און דאס האט געהאלטן די תורה די אלע טויזענטע יארן, אז מ'קען נישט ריקען די תורה קיין 'כי הוא זה', נישט אהער און נישט אהין.

[באמת איז דא א שיטת הראב"ד וואס האלט אז ביי מצוות 'לא תעשה' מעג מען יא מוסיף זיין דרבנן'ס, מ'מוז עס נישט אפטיילן בפירוש, ס'איז נאר א דרבנן, ווי די מנחת חינוך איז מסביר שיטת הראב"ד אז ער האט געהאלטן אז ביי 'לא תעשה' האט די תורה בפירוש מתיר געווען צו מאכן א 'משמרת', ויש להאריך בזה].

ס'איז דא די באוויסטע מימרא פון די בעלזער רב, אז בחורים דארפן וויסן וואס איז א דאורייתא, דרבנן, מנהג, און בעלזער מנהג. וואס דאס איז א יסוד אין די איסור פון 'בל תוסיף', אז מ'זאל נישט פארגלייכן צווישן א מנהג און א דאורייתא. און אפילו מ'וויל זיין א חסיד אין זיך מוסר נפש זיין פאר יעדער ריר, אפילו פאר יעדער מנהג ישראל, דארף מען נאך אלץ וויסן אז ס'איז דא א חילוק אין די דרגות.

וואס דאס איז א גרויסע עבודה משריש צו זיין ביי צעירי הצאן, אז זיי זאלן האבן די ריכטיגע הרגש אין יעדער זאך, צו דאס איז א דאורייתא אדער ס'איז נאר א מנהג. און הגם אז צדיקים וחסידים האבן זיך מוסר נפש געווען אויף יעדער משהו פון די תורה, מיט די זעלבע דרגא פון מסירות נפש, איז דאס נאר געווען זייערע התעוררת פרטי, א התעוררת פרטי וואס א יוד מעג זיך מעורר זיין מיט א מסירות נפש צו מצוות [אפילו אינו בג' עבירות החמורות, עי' בפוסקים ביו"ד סימן קנז], אבער פאר צעירי הצאן דארף מען משריש זיין קודם די פשטות, אז 'מסירות נפש' איז אויף די שלש עבירות החמורות, און נאך דעם קומט די דרגא פון א דאורייתא, דערנאך א דרבנן, און נאר נאכדעם קומט ערשט די דרגא פון א מנהג, און זיי זאלן נישט שטעלן א מנהג אויף די ערשטע שורה ח"ו (און דאס איז א שווערע עבודה פאר זיי, מסדר צו זיין ריכטיג די קאפ, כמובן).

אמאל קומט אויס אז מ'האט מורא צו זאגען פאר א קינד, די פונקטליכע אמת פון די תורה, מ'האט מורא צו מתיר זיין א זאך וואס איז מותר, ווייל אפשר וועט אים עס שוואך מאכן מיט וואס ער איז צוגעוואונט, ס'וועט נישט ארויסקומען אזוי פרים ווי וואס ער איז צוגעוואוינט וכדומה. אבער מער ריכטיג איז אז ס'זאל זיין פינקטליך ווי די תורה, נישט ווייניגער און נישט פרימער, נאר מ'קען צו לייגען אז ס'איז א שיינע זאך מחמיר צו זיין וכדומה. דער עיקר ס'זאל האבן די ריכטיגע הרגש מיט א אמת אהן אריינמישן די אייגענע רצונות און די אייגענע קוק אויף די זאך. וואס דאן האט מען די שמירה פון די תורה, מ'איז פונקטליך ביי די תורה, נישט ארויף און נישט אראפ.

## ◆ להוסיף מצוה חדשה

די הלכה איז אז אויב א יוד איז בכלל נישט מקיים א מצוה, לדוגא ער שאקלט בכלל נישט קיין לולב און אתרוג, איז ער נישט עובר אויף 'בל תגרע', מ'וועט נאר עובר זיין אויב מ'איז מקיים די עצם מצוה און מ'לייגט צו און מ'נעמט אראפ פון די "פרטים".

און די עומק דארפון איז אז ווען ער איז בכלל נישט מקיים א מצוה, איז קלאר בולט אז דאס איז זיין אייגענע זאך, ס'איז בכלל נישט אריינגערעדט אין די מצוות התורה אריין, ער איז נישט משנה גארנישט פון די תורה, ער פאר זיך אליינס וויל נישט מקיים זיין די תורה. אבער אויב מ'שאקלט לולב און אתרוג, און אנשטאט פיר מינים, נעמט מען דריי מינים, אדער פארקערט אנשטאט פיר מינים, נעמט מען פינעף מינים, ער טוט די מצוה און ער איז 'משנה', דא קומט ער טוישן אין די תורה, און דא איז די איסור פון בל תוסיף ובל תגרע.

דאס איז אלץ ביי יעדער יחיד ויחיד, אבער בית הגדול האט יא א איסור נישט מוסיף צו זיין אדער גורע זיין א גאנצע נייע מצוה.

המשך בעמוד האחרון

### שלש עשרה מדות

אין די ימי הרחמים והרצון ווערט נתעורר די שלש עשרה מידות של רחמים, ווי ס'איז מבואר די סוגיא אין מסכת (ראש השנה יז ב) "מלמד שנתעטף הקדוש ברוך הוא כשליח צבור, והראה לו למשה סדר תפלה, אמר לו כל זמן שישראל חוטאין, יעשו לפני כסדר הזה ואני מוחל להם". אויך זאגט מען 'לדוד ה' אורי וישעי', ווי ס'ווערט דערמאנט דרייצן מאל די שם הוי', וואס דאס איז די 'שלש עשרה מידות של רחמים', וואס ווערן נתעורר אין די דאזיגע טעג (סידור ר' שבתי ח"ג דף מד).

און די טעג ווערט נתעורר די 'אני לדודי ודודי לי' (ר"ת אלול), די עצם טעג זענען 'ימי דין', אבער דורעך דעם וואס די יידען ווערן נתעורר בתשובה מרוב פחד, זענען זיי מעורר דעם 'אני לדודי', און דאס ברענגט אז דער אייבישטער ווערט צוריק נתעורר מיט 'ודודי לי'. און דער אייבישטער ווערט נאך אסאך נענטער ווי פארדעם, ווייל ער האט געמוזט מעורר זיין די 'שלש עשרה מידות של רחמים', זיך מרחם צו זיין אויף אפילו נאכן חטא, ממילא ווערט ארויס געברענגט די אהבה נאך אסאך מער ווי פארן חטא.

די שלש עשרה מידות של רחמים איז די מקור די פסוקים ה' ה' קל רחום וחנון פון פרשת כי תשא (שמות לד ה ו) און זיי זענען די שורש פון פון מחילה וסליחה לדורות, די שורש פון אלע סדר סליחות פון די ימי הרחמים והרצון, און פון שני וחמישי ושני וואס מ'זאגט אין די וואכן פון בה"ב, און אלע אנדערע זמנים, אלעס איז די די יסוד די שלש עשרה מידות של רחמים. (אין ספרים הקדושים ווערט עס אויך אנגערופן י"ג מכילין דרחמי, אדער י"ג תיקוני קדישא).

### י"ג מידות פון מיכה

די שלש עשרה מידות של רחמים ווערט פאררופן אויף משה רבינו, ווייל משה רבינו מיט זיינע תפילות האט ממשיך געווען די שלש עשרה מידות של רחמים ווי סאיז מבואר אין פרשת כי תשא. אין זוהר הקדוש (ח"ג דף קלא, מובא לקמן) איז מבואר א נייע שורש אויף די שלש עשרה מידות של רחמים, די י"ג מכילין דרחמי פון מיכה המורשתי, ווי ס'איז מבואר אין די פסוקים סוף ספר מיכה (מיכה ז יח) "מִי אֵל כָּמוֹךָ נֹשֵׂא עָוֺן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ לֹא הֶחֱזִיק לָעַד אַפּוֹ כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא: יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יִכְבֹּשׁ עֲוֺנֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצֻלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם: תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבֹתֵינוּ מִימֵי קֶדֶם".

וואס די פסוקים זאגט מען סוף די הפטרה פון 'שבת שובה', און ס'איז דא אויך וואס ענדיגען מיט די פסוקים די הפטרה פון 'מפטיר יונה', וואס מ'זאגט יום כיפור ביי מנחה. אויך זענען די פסוקים תופס א מקום חשוב אין די סליחות'ן, למשל ביי סליחות פון ערב ראש השנה, אויך ביי סליחות פון יום כיפור (ביי חזרת הש"ץ ביי די ברכה רביעית) 'מיכה עבדך אמר לפניך מי אל כמוך'. און די זוהר (שם) און די מקובלים האבן מסדר געווען א סדר מסודר, ווי די ווערטער פון פון מיכה זענען מסודר אנטקעגען די שלש עשרה מידות של רחמים פון משה, ווי מ'זעהט עס ביי סדר פון תשליך און אנדערע פלעצער.

מ'דארף פארשטיין, ס'איז דאך נאך פלעצער וואס מ'ברענגט ארויס די מידות פונעם אייבירשטן, ווי למשל די פסוקים אין תהילים (קג ז) "יוֹדִיעַ דְּרָכָיו לְמֹשֶׁה וגו', רַחוּם וְחַנּוּן יְהֹוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חָסֶד וגו', איז פארוואס מאכט מען אזא עסק מיט די פסוקים אין מיכה, און בפרט אז די פסוקים פון מיכה זענען נאר ברמז, איז וואס פארדינט מען פון די פסוקים מער ווי די בפירוש'ע פסוקים פון משה רבינו.

> **די שלש עשרה מידות פון מיכה גייען ארויף אויף די זמן הגאולה, ווייל מיכה המורשתי איז געווען אין די זמן פון ישעיה הנביא, ווי ס'איז מבואר אין גמרא (פסחים פז א, בבא בבא בתרא יד ע"ב) אז פיר נביאים האבן נביאות געזאגט אין די זעלבע צייט, הושע ישעיה עמוס און מיכה. און ער איז אויך געווען א תלמיד פון ישעיה, ווי ס'איז מבואר אין רמב"ם**

### מיכה איז העכער

אין די ספרים איז מבואר אז די שלש עשרה מידות פון מיכה אז א העכערע מדריגה, די פון מיכה זענען די 'אורות', און די פון משה רבינו זענען די 'כלים', אדער אז די פון משה זענען די דרגא פון 'זעיר אנפין', און די פון מיכה זענען די דרגא פון 'אריך אנפין' (עי' ע"ח שער א"א פ"ט, ליקוטי תורה לאדמוה"ז פרשת רא, ועי' בזוהר חלק ג דף קלח/א).

וואס דאס איז זייער אינטערסאנט צו פארשטיין, ווי אזוי קען זיין אז די פון משה רבינו זאלען זיין א נידריגערע מדריגה ווי די פון מיכה המורשתי, בפרט אז די פון משה רבינו זענען געגעבן געווארן בפירוש לסליחה ולמחילה, און די פון מיכה זענען נאר ברמז. און נאכדערצו אז די פון משה רבינו איז די פסוק מקדים די שם הוי', וואס דאס איז נישט דא ביי די פסוקים פון מיכה, איז ווי קען זיין אז די פון משה רבינו זענען א גרעסערע מדריגה.

נאר די ענין איז אז די שלש עשרה מידות פון מיכה גייען ארויף אויף די זמן הגאולה, ווייל מיכה המורשתי איז געווען אין די זמן פון ישעיה הנביא, ווי ס'איז מבואר אין גמרא (פסחים פז א, בבא בבא בתרא יד ע"ב) אז פיר נביאים האבן נביאות געזאגט אין די זעלבע צייט, הושע ישעיה עמוס און מיכה. און ער איז אויך געווען א תלמיד פון ישעיה, ווי ס'איז מבואר אין רמב"ם (הקדמת הרמב"ם למשנה תורה, וכמבואר בספרי סדר הדורות) אז מיכה האט מקבל געווען פון ישעיה הנביא. איז פשט אז ער איז מושרש אין לעתיד לבוא, אזוי ווי ישעיה הנביא וואס זאגט די נחמות און נביאות אויף לעתיד, אזוי אויך מיכה המורשתי איז מיוחד אויף נבואה אויף לעתיד. ממילא קען מען פארשטיין אז די שלש עשרה מידות פון מיכה זענען העכער ווי די שלש

המשך בעמוד הבא

# ענינים

המשך

עשרה מידות פון משה רבינו, ווייל מ'רעדט שוין פון די מחילה וסליחה פון לעתיד לבוא.

און ווי די דורשי רשומות זאגען, טרעפט מען אסאך טאקע ענדליכקייטן צווישן די נביאות פון מיכה, צו די נביאות פון ישעיה, ווי למשל די נבואות אויף בבל און אשור איינער נאך די אנדערע (מיכה ד' י - יג), וואס איז זייער דומה צו ישעיה (פרק יד). סיי די דברי תוכחה פון מיכה (פרקים א - ג), און סיי די דברי נחמה (פרקים ד - ו), און בפרט די נבואה פון 'אחרית הימים' (פרק ד) וואס איז מורא'דיג דומה צו ישעיה (פרק ב), ווי אלע גויים וועלן קומען צו הערן תורת ה', און ווי אזוי ס'וועט זיין א התרוממת מלכות ישראל דורעך ה' יתברך אליינס.

איז ממילא ווען נאך אלע נבואות, איז מיכה מסיים מיט די פסוקים פון 'מי קל כמוך' (פרק ז' יד), איז דאס כאילו ווי א 'סיום' אויף די נחמות, סיי אויף זיינע נחמות און אויך אויף די נחמות פון ישעיה הנביא, אז אלעס נחמות איז די שורש די שלש עשרה מידות של רחמים.

און ער ענדיגט צו נאכדעם מיט 'ברית אבות', 'אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם', וואס דאס איז אויך א שורש אויף די שלש עשרה מידות, ווי ס'איז מבואר בשם די בריסקער רב (גרי"ז פרשת כי תשא) אז בעצם טרעפט מען די שלש עשרה מידות אויך ביי נינוה, ווי ס'איז מבואר אין די פסוקים ביי יונה הנביא, אבער ביי די יידען איז עס באופן פון א 'ברית', פון א נצחיות'דיגע און אייביגע קשר.

איז מיט דעם פארשטייט מען גוט אז די פסוקים פון מיכה זענען גרעסער ווי די י"ג מידות פון משה רבינו, ווייל די פסוקים פון משה רבינו זענען די שלש עשרה מידות אינעם זמן הגלות, מה שאין כן די פסוקים פון מיכה זענען די שלש עשרה מידות פון די זמן פון די גאולה העתידה. ווי די לשון פון ליקוטי תורה אז די שלש עשרה מידות פון משה רבינו זענען פאר 'חיי עולם הזה', און די פון מיכה זענען פאר 'חיי הנשמות'.

און ווייל די פון 'מיכה' רעדן פון די גאולה העתידה, וועגן דעם זעהט מען דארט אסאך פסוקים וואס רעדן פון ביטול פון אלע פעלקער צום אייבירשטן, ווי ס'פאנגט זיך אהן ספר מיכה (מיכה א ב) מיט א רעדע צו אלע פעלקער "שִׁמְעוּ עַמִּים כֻּלָּם הַקְשִׁיבִי אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ וִיהִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה בָּכֶם לְעֵד אֲדֹנָי מֵהֵיכַל קָדְשׁוֹ". וואס דאס וועט זיין לעתיד לבוא וואס אלע וועלן קומען הערן די דבר ה', ענדליך צו די לשון פון ישעיה (לד א) "קִרְבוּ גוֹיִם לִשְׁמֹעַ וּלְאֻמִּים הַקְשִׁיבוּ תִּשְׁמַע הָאָרֶץ וּמְלֹאָהּ תֵּבֵל וְכָל צֶאֱצָאֶיהָ".

### די י"ג מידות ביחיד

שטייט אין שו"ע (או"ח סי' תקסה) אז די שלש עשרה מידות מעג מען נאר זאגען בציבור, אבער ביי די פסוקים פון מיכה טרעפט מען נישט קיין שום קפידא צו זאגען ביחידות, אדרבא ביי תשליך שטייט אז מ'זאגט די פסוקים מי קל כמוך, און ה' ה' איז מען מכוין במחשבה, די פסוקים פון 'מי קל כמוך' האבן בכלל נישט די הארבקייט פון זאגען ביחידות. אויך זעהט מען אין די פוסקים אז די שלש עשרה מידות זאל מען זאגען דוקא מיט א טלית, אויף א בכבוד'דיגע וועג (לבוש סימן תקפא), אבער ביי די פסוקים פון מי קל כמוך זעהט מען נישט אזא זאך. (אויך שבת זאגט מען נישט ה' ה', אבער מי קל כמוך קען מען יא זאגען לכאורה ווי מ'זעהט ביי די פסוקים נאך די עקידה, לויט די וואס זאגען).

די טעם קען זיין, ווייל די פסוקים פון 'מי קל כמוך' גייען בעיקר ארויף אויף די זמן פון 'לעתיד לבוא', ווי ס'איז געווארן נתבאר, און יעצט אין גלות זענען די פסוקים נאך בהסתר, און וועגן דעם זענען זיי געגעבן געווארן ברמז, ווייל נאר לעתיד לבוא וועלן זיי ווערן נתגלה אינגאנצן.

און ס'וואלט געווען כדאי צו צוצייכנען די הייליגע ווערטער פון ישמח ישראל (שופטים) אז די טעג זענען מיוחד נאך צו גיין דעם אייבירשטן'ס וועגען און מוחל זיין פאר זיין חבר, אף על פי שאינו הגון ואינו כדאי, על דרך ווי ס'איז מבואר אין ספר הקדוש תומר דבורה, און אין די זכות וועט מען זוכה זיין אז די אייבישטער וועט טאקע ארויס נעמען די שלש עשרה מידות של רחמים פאר אונז און אויף אלע יידען.

# פרשה

המשך

ווי ס'איז מבואר אין די מפרשים אז אין פרשת ואתחנן שטייט די איסור פון 'בל תוסיף' בלשון רבים, ווייל די עיקר אזהרה אויף בי"ד, אז בית דין טאר נישט מוסיף זיין א גאנצע נייע מצוה, און אין פרשת ראה איז עס בלשון יחיד, ווייל די אזהרה איז אויף יעדער יחיד נישט מוסיף צו זיין אין די פרטי המצוה (עי' תורה תמימה דברים ד אות א בדברי הגר"א הנ"ל, וכך מבואר בשפת אמת ר"ה כח ע"ב, און אזוי איז אויך משמע אין רמב"ן (ואתחנן שם) אז די איסור פון ואתחנן גייט אויף בית הגדול נישט מוסיף צו זיין קיין נייע אייגענע מצוות.

און די טעם הדבר, ווייל ביי סתם מענטשן איז א גאנצע נייע מצוה כאילו גארנישט, ס'קוקט נישט אויס ווי עפעס א הוספה אדער א גרעון צו די תורה, אבער ביי 'בית דין הגדול' איז אנדערשט, ביי בית דין הגדול קוקט יא אויס א גאנצע מצוה ווי א הוספה, כאילו ווי בי"ד האט מוסיף געווען אין די תורה זעלבסט, ממילא איז אפילו א גאנצע זאך, צוגעלייגט אדער אראפ גענומען א גאנצע מצוה, איז אויך אין די כלל פון 'בל תוסיף' אדער 'בל תגרע'.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424